בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

סעודה שלישית פרשת

## כי תבוא תשי"ג

**בְּנִי אִם תִּקַּח אֲמָרָי וּמִצְוֹתַי תִּצְפֹּן אִתָּךְ**

• במדרש: אתם צוֹפְנִים לי תורה ומצות בעולם הזה, ואני צוֹפֵן לכם שכר טוב לעולם הבא • ישוב סתירת המשנה אין בור ירא חטא, והמשנה כל שיראתו קודמת לחכמתו חכמתו מתקיימת • המצות שאי אפשר לקיימן בפועל, יש לקיימן על ידי לימוד ההלכות וע"י השתוקקות במצפון הלב לעשותם • בגמרא: אֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה שֶּׁבְּלֵב חֲבֵירוֹ • רמב"ם: על מצות שבין אדם לחבירו מקבלים שכר גם בעולם הזה • בדור של הסתרת פנים, יש סמיות עינים אפילו בדברים הגלויים • בדורות הקודמים האָבן אידן 'געהאָרעוועט' בחודש אלול, הן בעבודה חיצוניות והן בעבודה פנימיות • על לעתיד לבא נאמר הפסוק "וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים"

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשפ"א לפ"ק



KolSatmar.com

יצא לאור ע"י **מערכת לשון קדשו**
**כל הזכיות שמורות ואיסור השגת גבול ידוע** Copyright ©
הקונטרסים שיצאו בשנים שעברו אין רשות להעתיקם ולהפיצם וּשְׁאֵרִית יִשְׂרָאֵל לֹא יַעֲשׂוּ עַוְלָה, וכבר נאמר וְאַל תַּשְׁכֵּן בְּאֹהָלֶיךָ עַוְלָה (איוב יא, יד).
צו מנדב זיין לרגל אַ שמחה אַ יאָרצייט רופט: 1-718-388-5519



**לשון קדשו**
**צענטראלע נומער:**
**929-522-1515**
פעקס: **718-650-2970**

ארץ ישראל: **072-3275205**
קאנאדא: **438-797-0770**
ענגלאנד: **0330-350-3110**

צו הערן די **רעקארדינג:**
דרוק **1**. - פאר קונטרס
**203**
פאר הערות דרוק **3**

**קול אוצר יהודא**
ברוקלין: **718-298-4641**
ארץ ישראל: **072-3333419**
**16→5→713**

**מען קען שוין מנדב זיין דורך דאָנערי'ס טעלעפאָן סיסטעם: 1700# 845-366-2793**

# • ברכת מזל טוב •

הרב **זלמן לייב מארגענשטערן** שליט"א
לרגל נישואי בנו החתן **חיים אלי'** נ"י - עב"ג
בת הרב **שמואל אהרן חנני' טענענבוים** שליט"א

**ברכת רבינו יחול על ראשם, וזכות לימוד תורה דרבים וזכות רביה"ק זי"ע יגן עליהם, ויזכו להעמיד דורות ישרים ומבורכים, ע"ד ישראל סבא, לעטרת תפארת אבותם.**

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

לע"נ הרבני החסיד בונה ומקים עולמות של תורה
רבי **נפתלי צבי** ב"ר מאיר יעקב ז"ל
**פלאטשעק**
נפטר כ"ו אלול תשנ"ה לפ"ק

לע"נ האשה החשובה
מרת **פאיה חיה** ע"ה **סאנדעל**
ב"ר שמואל הלוי ז"ל
אשת הרה"ח ר' שלום הי"ו
נפטר כ"ו אלול תשנ"ה לפ"ק

**תנצב"ה**

KolSatmar.com

א

# קושיות ודקדוקים בתחלת הפרשה

קושיא א

וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה׳ אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ וגו׳ וְלָקַחְתָּ מֵרֵאשִׁית כָּל פְּרִי הָאֲדָמָה וגו׳.

ב

קושיא א

להבין לשון וְלָקַחְתָּ בו׳ המוסיף, דהיה ראוי לומר תִּקַח

א) [לכאורה] ער העט געדאַרפט זאָגן וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה׳ אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה ״תִּקַּח״ מֵרֵאשִׁית כָּל פְּרִי הָאֲדָמָה, וואָס איז דער ״וְלָקַחְתָּ״ [בו׳ המוסיף, והלא הוא תחלת הענין].

ג

קושיא ב

ובכלל מיותר מאמר וְלָקַחְתָּ וגו׳, דהיה סגי שיאמר וְשַׂמְתָּ בַטֶּנֶא מֵרֵאשִׁית כָּל פְּרִי הָאֲדָמָה וְהָלַכְתָּ וגו׳

ב) [און] לעולם איז אינגאַנצן איבעריג דער ״וְלָקַחְתָּ״ מֵרֵאשִׁית כָּל פְּרִי הָאֲדָמָה, ס׳שטייט שוין ווייטער דער וְשַׂמְתָּ בַטֶּנֶא וגו׳, איז שוין נכלל [דערין] אַלעס, [והיה סגי לומר] וְשַׂמְתָּ בַטֶּנֶא מֵרֵאשִׁית כָּל פְּרִי הָאֲדָמָה [וְהָלַכְתָּ אֶל הַמָּקוֹם וגו׳].

ד

קושיא ג

תיבת ״וְהָיָה״ לכאורה מיותר, וכמו שבשאר מקומות מתחיל הפסוק כי תבואו, ולא אמר ״וְהָיָה״

וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ.

ג) איז דאָך איבעריג דער ״וְהָיָה״, לכאורה העט געדאַרפט שטיין [רק] כִּי תָבוֹא, אַזוי ווי איבעראַל שטייט כִּי תָבֹאוּ [אֶל הָאָרֶץ, אָדער] כִּי תָבוֹא [אֶל הָאָרֶץ. ולמה הוסיף כאן לומר] וְהָיָה, אַוודאי ׳וועט עס זיין׳.

ה

קושיא ד

ובמדרש דרשו אין והיה אלא מיד. וקשה דהלא לא נתחייבו בביכורים מיד בכניסתן, אלא לאחר י״ד שנים של כיבוש וחילוק

דער מדרש זאָגט אין ילקוט[א], וְהָיָה כִּי תָבוֹא, אֵין ״וְהָיָה״ אלא לשון ״מִיַּד״.

ד) לכאורה וואָס מיינט מען דער ״מִיַּד״, תיכף.

פאַר כיבוש וחילוק[ב] האָט דאָך עס נאָכנישט געקענט זיין, [שהרי] ביכורים איז דאָך [נוהג נאָר] הערשט לאחר ירושה וישיבה[ג].

ו

קושיא ה

גם מהיכן למדו לפרש כן בלשון והיה, דהיינו מיד

ה) און דערנאָך, מהיכי תיתי אַז דאָס מוז זיין תיכף.

ז

דער זית רענן וויל דאָ זאָגן[ד] [לתרץ קושיא ד].

---

[א] בספרי כאן, וכן בילקוט שמעוני (רמז תתקלח): וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ, אין וְהָיָה אלא מיד. כִּי תָבֹא אֶל הָאָרֶץ, עֲשֵׂה מצוה האמורה בענין, שבשכרה תיכנס לארץ. [וכאן מזכירו רבינו בשם הילקוט, ולהלן אות לד מזכירו בשם הספרי].

[ב] היינו שבע שנים שכבשו את הארץ, ושבע שנים שחילקו את הארץ, בימי יהושע בן נון.

[ג] וכמו שנאמר (כו, א) וְהָיָה כִּי תָבוֹא וגו׳ וִירִשְׁתָּהּ וְיָשַׁבְתָּ בָּהּ. ומפרש רש״י: מגיד שלא נתחייבו בבכורים עד שכבשו את הארץ וחלקוה. [וכן מבואר בגמרא קידושין (לז:)].

KolSatmar.com

על כל פנים איז שווער [קושיא ה], וואָס דערציילט ער מיט דעם.

[און] וואָס איז דער וְהָיָה, ער טייטשט דאָך מיט דעם אַז דאָס איז דער לשון "וְהָיָה", אַז "מִיַּד". [וצריך ביאור האיך נשמע כן מן לשון והיה].

**ח**

**קושיא ו - מתוך הדרוש**

ו) [עוד שם במדרש, כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ, **עֲשֵׂה מצוה האמורה בענין, שבשכרה תיכנס לארץ.** והקשה **ההפלאה**, דהלא לא נתחייבו בביכורים עד לאחר כניסתן לארץ, וא"כ האיך שייך לומר דבזכות הביכורים יכנסו לארץ]. (הקושיא בדברי רבינו, באות לה)

**ט**

# קושיות ודקדוקים בסוף הפרשה

**קושיא ז**

**ווייטער שטייט** (כט, א-ג), **וַיִּקְרָא מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם אַתֶּם רְאִיתֶם אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה ה' לְעֵינֵיכֶם בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם וגו', הַמַּסּוֹת הַגְּדֹלֹת** [אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ] **הָאֹתֹת וְהַמֹּפְתִים** [הַגְּדֹלִים הָהֵם]**. וְלֹא נָתַן ה' לָכֶם לֵב לָדַעַת וְעֵינַיִם לִרְאוֹת וְאָזְנַיִם לִשְׁמֹעַ, עַד הַיּוֹם הַזֶּה.**

**י**

במדרש מביא לכאן הפסוק וּמִצְוֹתַי תִּצְפֹּן אִתָּךְ, שישראל הם צופנים תורה ומצות בעולם הזה, והקב"ה צופן להם שכר לעולם הבא

**דער מדרש זאָגט דאָ, אין מדרש רבה**[ה]**, זה שאמר הכתוב** (משלי ב, א) **בְּנִי אִם תִּקַּח אֲמָרָי וּמִצְוֹתַי תִּצְפֹּן אִתָּךְ, אמר הקדוש ברוך הוא, אַתֶּם צוֹפְנִים לִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת בעולם הזה, ואני צוֹפֵן לכם, ואני אצפון לכם שכר בעולם הבא, שנאמר** (תהלים לא, כ) **מָה רַב טוּבְךָ** [אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ] **..**[ו]

**יא**

מהו ענין "הצפנה" אצל תורה ומצות, והלא קיום המצות הוא בפועל ובמעשה בגלוי

ז) [וקשה הלשון אתם צופנים לי תורה ומצות בעולם הזה, דהלא תורה ומצות צריך לעשות ולקיים בפועל ובגלוי, ולא לצפון, ומהו כוונת הלשון אתם צופנים לי]. (התירוץ בדברי רבינו, באות כד)

**יב**

**קושיא ח - מתוך הדרוש**

**גם האיך שייך ענין זה אל הפסוק דידן**

ח) [גם צריך ביאור להבין שייכות דברי המדרש אלו, אל הפסוק וְלֹא נָתַן ה' לָכֶם לֵב לָדַעַת וגו' עַד הַיּוֹם הַזֶּה]. (התירוץ בדברי רבינו, באות כט)

---

[ד] **בזית רענן** (לבעל מג"א, על ילקוט שמעוני, באות א): פירוש, שמיד יבואו לארץ. **ובברית אברהם פירש, מיד לאחר ירושה וישיבה.** [הברית אברהם הוא פי' על הילקוט לר' אברהם גדלי' מירושלים, נדפס בליוורנו שנת ת"י, ולאחרונה נדפס בילקוט דפוס המאור. והמגן אברהם בחיבורו זית רענן בא להשלים פירוש הילקוט במקום שהברית אברם לא פירש, או במקום שרוצה לחלוק עליו, כפי הנדפס בדף השער של הזית רענן בדפוסים קדומים].

[ה] **בדברים רבה** (ז, ט)**: זה שאמר הכתוב בְּנִי אִם תִּקַּח אֲמָרָי וּמִצְוֹתַי תִּצְפֹּן אִתָּךְ וכו'. מהו מִצְוֹתַי תִּצְפֹּן אִתָּךְ, אמר רבי אבא בר כהנא, אמר הקב"ה אתם צוֹפְנִים לי תורה ומצות בעולם הזה, ואני צוֹפֵן לכם שכר טוב לעולם הבא, שנאמר מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ.**

[ו] כאן נחסר קצת מן הריקארדינג, ונשלם בלשה"ק מתוך הנדפס בחידושי תורה (ג' כרכים) ובקונטרס דברות קודש, ודברי יואל תניינא.

KolSatmar.com

יג

# ישוב הקושיות בסוף הפרשה

**הקדמה לישוב קושיא ז**

(עד אחר אות כג)

## ביאור הקדושת יום טוב - בפסוק מָה רַב טוּבְךָ

**איתא במשנה אין בור ירא חטא, ולעומת זה אמרו דצריך שיהיה יראת חטאו קודמת לחכמתו. ומפרש הרע"ב והתוספות יו"ט, דהיינו דבמחשבה צריך להקדים מחשבת יראת חטא, אבל בפועל א"א להיות ירא חטא אלא לאחר שלמד תורה ויודע מאיזה חטא לשמור עצמו**

[ואפשר לומר, דהנה התוספות יום טוב מיישב הסתירה, דאיתא במשנה (אבות ב, ה) אין בור ירא חטא, דמי שהוא עם הארץ ולא למד תורה אי אפשר להיות ירא חטא, ובמקום אחר אמרו (שם ג, ט) כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו חכמתו מתקיימת, ואם כן צריך שיהיה לו יראת חטא עוד קודם שמתחיל ללמוד תורה, והוא סתירה לכאורה.

ולזה כתב התוספות יו"ט, דעל פי דברי הרע"ב שמפרש מה שאמרו כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו, דהיינו שמקדים "במחשבתו" יראת חטאו לחכמתו, לפי זה מיושב הסתירה, דהכא במחשבה קאמר ולא בפועל, ואין בור יודע איזהו חטא לירא מפניו, אבל במחשבה יוכל לחשוב ולירא מכל דבר שיהיה חטא.

והיוצא מזה, דגם מתחלה קודם שילמוד תורה, צריך שיהיה לו יראה במצפון הלב, ורק בפועל לא שייך שידע ממה לירא, עד שילמוד תורה, משום דאין בור ירא חטא.

יד

**ומפרש הקדושת יו"ט דזהו פירוש הפסוק מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ, דמה היינו ענוה ויראה, וטוב היינו תורה, ולזה זוכין ע"י היראה הצפונה בלב מקודם**

ובזה מפרש אבא מארי זכרונו לברכה בקדושת יום טוב[ז] מאמר הכתוב (תהלים לא, כ) מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ, דהנה ידוע דתיבת "מה" מורה על בחינת היראה כמבואר בספרים הקדושים,

---

[ז] **בקדושת יום טוב** (בחקותי): **או יאמר אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם, והמדרש הנ"ל** (ויקרא רבה לה, א) [הה"ד חִשַּׁבְתִּי דְרָכָי וגו'] (תהלים קיט, נט), **ובהקדם לפרש הפסוק מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ וגו'.**

**על פי אמרם ז"ל בפרק ג' דאבות, רבי חנינא בן דוסא אומר, כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו חכמתו מתקיימת, וכל שחכמתו קודמת ליראת חטאו אין חכמתו מתקיימת. ופירש הרע"ב וז"ל, אני שמעתי שמקדים במחשבתו יראת חטאו לחכמתו, שחושב בלבו אלמד בשביל שאהיה ירא חטא, וזה על דרך שאמרו** (עיין זוהר ח"ג דף ו) **תחלת מחשבה סוף מעשה, עכ"ל. וכתב עליו זקיני בעל התוספות יו"ט זלה"ה, ובהכי מתורץ דלא פליג אדהלל שאמר בפרק דלעיל משנה ה' אין בור ירא חטא, דהכא במחשבה קאמר ולא בפועל, שאין בור יודע איזהו חטא לירא מפניו, אבל במחשבה יוכל לחשוב ולירא מכל דבר שיהיה חטא, עכ"ד. הרי דאלו ואלו דברי אלקים חיים, אמת כדברי הלל הזקן שאין בור ירא חטא, דאינו יודע מה לירא מפניו, אמנם במחשבה צריך שיקדים יראתו לחכמתו, וקודם שמקבל עליו עול תורה ועבודה צריך 'להצפין' יראתו יתברך בלבו, ולהמתין 'ולצפות' עד אחר שילמוד וידע איזהו חטא ליראה מפניו, ואז חכמתו מתקיימת, כי סוף מעשה במחשבה תחלה.**

**והנה ידוע דתיבת "מה" מורה על בחינת היראה, כמבואר בספרים הקדושים, דכתיב** (עקב י, יב) **מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ כִּי אִם לְיִרְאָה, שהקב"ה שואל בחינת מה, על דרך שנאמר** (בשלח טז ח) **ונחנו מה, דהיא מדת ובחינת ענוה, שע"י הענוה יגיע למדרגת ובחינת יראה. וגם ידוע שהתורה הקדושה נקראת "טוב", כמד"א** (משלי ד ב) **כי לקח "טוב" נתתי לכם "תורתי" וגו'. ולפי זה יש לפרש הפסוק, "מָה" היינו ע"י בחינת היראה הקודמת, רַב טוּבְךָ, גדול ורב תורתך שאחר היראה, וכדי שלא יסתור דברי הלל דאמר אין בור ירא חטא, על זה גמר, אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ, ורצה לומר דזהו ביראה הצפונה וטמונה בלבו, והיינו במחשבה, שממתין ומצפה עליה עד לאחר שילמוד וידע מאי יש לירא מפניו, משא"כ בפועל אין בור ירא חטא כדברי הלל, כנ"ל.**

**וז"ש אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ, ופירש"י ז"ל שתהיו עמלים בתורה, מקודם לזה צריך להיות וְאֶת מִצְוֹתַי "תִּשְׁמְרוּ", כטעם וְאָבִיו שָׁמַר אֶת הַדָּבָר** (וישב לז יא), **הכוונה ליראה במחשבה, ולצפות ולהמתין כדי שידע אח"כ לעשות אותם בפועל לאחר הלימוד כנ"ל. ועל זה רמז גם המדרש רבה, הדא הוא דכתיב חִשַּׁבְתִּי דְרָכָי, רצה לומר**

KolSatmar.com

וכדכתיב מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ כִּי אִם לְיִרְאָה (עקב י, יב), שהקדוש ברוך הוא שואל בחינת "מָה", על דרך שנאמר (בשלח טז, ז) וְנַחְנוּ מָה, דהיא מדת ובחינת עֲנָוָה, שעל ידי הָעֲנָוָה יגיע למדרגת ובחינת יִרְאָה.

וגם ידוע (ברכות ה. ועוד) שהתורה הקדושה נקראת "טוב", כמה דאת אמר (משלי ד, ב) כִּי לֶקַח "טוֹב" נָתַתִּי לָכֶם "תּוֹרָתִי" אַל תַּעֲזֹבוּ.

טו

ולפי זה יתפרש הפסוק כך, "מָה" היינו על ידי בחינת "היראה" הקודמת לחכמה, רַב "טוּבְךָ", גדול ורב "תורתך" שאחר היראה. וכדי שלא יסתור דברי המשנה שאמרה דאמר אין בור ירא חטא, על זה מסיים הכתוב אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ, ורצה לומר דהכוונה על יראה הצפונה וטמונה בלבו, והיינו במחשבה, שממתין ומצפה עליה עד לאחר שילמוד וידע ממה יש לירא מפניו, משא"כ בפועל ובמעשה אין בור ירא חטא]

ווי[ח] דער **תוספות יום טוב** זאָגט, אַז מ'איז מקדים די יִרְאָה [לחכמה] דאַרף עס זיין **באַהאַלטן בלב**, נאָר וואָס דען, מ'דאַרף קודם לערנען כדי מ'זאָל עס קענען אַרויסברענגען [די יראה] **בפועל**.

איבערדעם זאָגט ער מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר "צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ", די יִרְאָה איז **באַהאַלטן**, ביז מ'קען האָבן [יראה] **בפועל**.

[עד כאן דברי הקדושת יום טוב].

טז

אבל עדיין אין זה מספיק לביאור לשון הכתוב וּמִצְוֹתַי תִּצְפֹּן אִתָּךְ, דשם לא מיירי מיראה דהוא דבר תלוי בלב, אלא מן "המצות", דהם דבר שצריך לקיימן בפועל

נאָר דאָס ענין וואָס ער זאָגט **וּמִצְוֹתַי תִּצְפֹּן אִתָּךְ** (קושיא ז) [דעדיין צ"ב, דהלא כאן לא מיירי מן היראה שהוא דבר הצפון בלב, אלא מן כל המצות, ואינו מובן מה שייך בזה ענין הצפנה, והאיך שייך זה למה שמסיים המדרש שנאמר מה רב טובך אשר צפנת ליראיך, דשם מיירי מן היראה שהוא בלבן].

יז

## ביאור הפסוק וּמִצְוֹתַי תִּצְפֹּן אִתָּךְ

(עד אחר אות כג)

באמת יש מצות שאי אפשר לקיימן בפועל, וכגון מצות התלויות בארץ שא"א לקיים בזמן הזה או בחוץ לארץ

נאָר דער אֱמֶת איז דאָך דאָ מִצְוֹת וואָס מ'קען גאָרנישט צוקומען דערצו, איבערהויפּט טאַקע בימינו אלה [בזמן שאין בית המקדש קיים].

דאָס מערסטע חלק פון מִצְוֹת הַתְּלוּיוֹת בָּאָרֶץ קען מען גאָרנישט [מקיים זיין בזמן הזה]. און טאַקע די גאַנצע פרשה, די מצוה פון **ביכורים**.

ס'איז דאָ מִצְוֹת וואָס מ'קען גאָרנישט טון [בפועל], די מצות התלויות בארץ, און נאָך אַנדערע מצות [וואָס] אנשים פרטיים דערגרייכן נישט דערצו[ט].

---

שצריך מקודם לחשוב דרכיו וליראה 'במחשבה', ואח"כ וָאָשִׁיבָה רַגְלַי אֶל עֵדֹתֶיךָ, היינו לתורה ועבודה, לקיים בפועל ממש. יתן ה' שנזכה לקיים את כל מצות ה' ולעבדו 'בפועל' 'ובלב שלם', כן יהי רצון אמן.

[ח] מכאן הוא ההמשך על הריקארדינג.

[ט] עיין בהקדמת ספר החינוך וז"ל: יש מצות הנוהגות בזמן הזה והם בין כולם שס"ט, ויש מאלה הנוהגות שלא יתחייב בהן האדם כי אם בסיבה, ופעמים שלא תבא הסיבה לו לאדם בכל ימיו וכו', והן בין כולם צ"ט. אבל אותם מצות שחייבין בהם כל אדם מישראל מבלי שיתחדש בו סיבה בעולם, הם בין כולם מאתים ושבעים, וסימנם אֲנִי יְשֵׁנָה וְלִבִּי "עֵר" (שיר השירים ה, ב), מהם מ"ח עשה, ורכ"ב לאוין. - [ועיין עוד בחובת הלבבות שער אהבת ה' פ"ז (ד"ה ומן התימה), ובהקדמת דרך פקודיך].

KolSatmar.com

### יח
**ביאור האור החיים הק' - בפסוק הַיּוֹם הַזֶּה ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ**

לכאורה צ"ב אומרו "הַיּוֹם הַזֶּה" מְצַוְּךָ

[אמנם גם מצות כאלה יכולין לקיים ע"י לימוד הלכותיהם, וע"י הצפייה והקבלה לעשותם כשיוכלו לקיימן בפועל].

[ווי] ס'שטייט אין **אור החיים הקדוש** [בפרשתן], אויף [דעם פסוק] **הַיּוֹם הַזֶּה ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת** (כו, טז), וואָס איז דער "הַיּוֹם הַזֶּה", וואָס הייבט ער נישט אָן [ה' אֱלֹקֶיךָ] 'מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת', וואָס דערמאַנט ער עפּעס "הַיּוֹם הַזֶּה".

### יט
ומה שרש"י מפרש שבכל יום יהיו בעיניך כחדשים, עדיין קשה

למה הזכיר זאת בכאן דייקא, לאחר מצות ביכורים ומעשרות

[והנה] **רש"י** זאָגט [לפרש לשון "היום הזה", דבא לומר כי **בכל יום**] **יהיו בעיניך כחדשים כאילו בו ביום נצטוית.**

[אבל אכתי צריך ביאור, שהרי] ס'שטייט דאָך ערגעץ אַנדערש אויך, ושמרתם ועשיתם מצותי, ביי אַלע מצות מוז דאָך דאָס זיין אַזוי [שיהיו בעיניך כחדשים. ולמה דייקא בכאן אמר כן, לאחר מצות ביכורים ומעשרות].

### כ
אמנם האור החיים הק' מפרש, דהכוונה דאף ביום הזה בהיותם עדיין במדבר ואי אפשר לקיים מצות ביכורים בהיותם עדיין במדבר, מ"מ נצטוו תיכף לעסוק בהלכותיה, ולקבל על עצמם קיום המצוה, ולזה אמר "הַיּוֹם הַזֶּה" ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ

ברענגן זיי דעם פְּשַׁט, זאָגט דער **אור החיים הקדוש**[ו] [בכוונת] הַיּוֹם הַזֶּה, וואָס איז דער "הַיּוֹם הַזֶּה" ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת.

זאָגט ער אַזוי:

זאָגט ער, דער אֱמֶת איז דאָך דאָ מִצְוֹת וואָס מ'קען הערשט מקיים זיין [נאָך] לאחר ירושה וישיבה, ווי מצות ביכורים, און אַנדערע זאַכן. האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט, אפילו ווילאַנג מ'קען נישט מקיים זיין [בפועל], זאָל מען "לערנען" אָבער די דינים [ובזה יהא נחשב כאילו קיימו אותם].

[איבערדעם] זאָגט ער "הַיּוֹם הַזֶּה" ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת אֶת הַחֻקִּים הָאֵלֶּה, מ'קען אין 'דעם טאָג' שוין עוֹסֵק זיין אין דער הֲלָכָה.

אַזוי איז דאָ מפרשים וואָס זיי טייטשן דעם "הַיּוֹם הַזֶּה".

### כא
**ביאור המשך הפסוק: הַיּוֹם הַזֶּה מְצַוְּךָ "לַעֲשׂוֹת"**

ברש"י מפרש הפסוק וַיֵּלְכוּ וַיַּעֲשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, דמשקבלו עליהם לעשות, מעלה עליהם הכתוב כאילו כבר עשו

נאָר אויף דעם מְצַוְּךָ "לַעֲשׂוֹת" קאָן מען מוסיף נופך זיין, [דהכוונה] אַזוי ווי **רש"י** זאָגט (בא יב, כח) [על הפסוק] וַיֵּלְכוּ וַיַּעֲשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל[יא], ביי די מצוה פון קרבן פסח. וואָס

---

[ו] **באור החיים הק'** (כו, טז): הַיּוֹם הַזֶּה וגו'. וכי היום הוא מְצַוֶּה, והלא כבר צוה בהר סיני. ורש"י ז"ל פירש בכל יום יהיו בעיניך חדשים. ונראה שכוונת הכתוב היא על זה הדרך, לפי שכל התורה צוה אותה ה' בהר סיני, בין דברים שיש בהם קום עשה באותו זמן, בין דברים שאינם בקום עשה אלא לאחר זמן, כאותם האמורים בפרשה זאת, **ביכורים ומעשרות**, שאינם נוהגים אלא בארץ, וצוה ה' אותם הגם שלא היה זמנם, מטעם כדי ללמוד אותם, ולקבל שכר על קבלתם. ואמר להם משה, כי הן היום מצוה אותם 'לעשות' החוקים האלה, שהם ביכורים ומעשרות, שעד היום נצטוו ללמוד דיניהם לבד, והיום הזה מצווה אותם לעשות, כי הגיעו לארץ. ותיבת היום לאו דוקא, אלא זכר זמן המוכן בשם הַיּוֹם הַזֶּה.

[יא] **ברש"י שם**: וַיֵּלְכוּ וַיַּעֲשׂוּ וגו'. וכי כבר עשו, והלא מראש חודש נאמר להם. אלא מכיון 'שקבלו' עליהם, מעלה עליהם הכתוב כאלו 'עשו'.

KolSatmar.com

איז דער **וַיֵּלְכוּ וַיַּעֲשׂוּ**, מ׳האָט דאָך הערשט בְּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ געגומען דעם פסח [והציווי היה בראש חודש, ומיד נאמר וילכו ויעשו]. זאָגט רש״י **משעה שקבלו עליהם** [מעלה עליהם הכתוב] **כאילו כבר עָשׂוּ**.

[ולכן אמר הכתוב כי] תיכף **וַיֵּלְכוּ וַיַּעֲשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, אויף די ״קבלה״ [שקיבלו עליהם] אויף דער הֲלָכָה וואָס זיי האָבן דעמאָלטס געהערט די דינים, זיי האָבן געהערט די מצוה פון קרבן פסח, מ׳זאָל עס שוין נעמען פון בֶּעָשׂוֹר, [מיט דעם] האָבן זיי ׳שוין׳ געטון פון דעמאָלטס אָן [מראש חודש ניסן].

## כב

וכמו כן יש לפרש בפסוק זה ״הַיּוֹם הַזֶּה״ ה׳ אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ ״לַעֲשׂוֹת״, דאם יקבלו עליהם ״היום הזה״ לקיים המצוה כשיכנסו לארץ, יהא נחשבו כאילו כבר ״עשו״ עתה המצוה

דעס קען זיין דער פְּשַׁט אין פסוק, **״הַיּוֹם הַזֶּה״ ה׳ אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ ״לַעֲשׂוֹת״**, טאַקע אין **דעם טאָג** הייסט אַז מ׳האָט שוין געטון, דאָס הייסט שוין **געטון** [ווייל] **משקבלו עליהם** איז שוין **וַיֵּלְכוּ וַיַּעֲשׂוּ**. [און ווייל] מ׳האָט עוֹסֵק געווען אין דער הֲלָכָה. [ווי] רש״י זאָגט אַרויס אַזוי דעם פְּשַׁט אינעם פָּסוּק [שבפרשת בא, וא״כ על דרך זה יכולין לפרש גם הפסוק הַיּוֹם הַזֶּה מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת].

טאַקע מיט די דיבורים וואָס דער **אור החיים הקדוש** זאָגט [לפרש אומרו] **״הַיּוֹם הַזֶּה״** אויפן לִימוּד, טאַקע דעס איז **מְצַוְּךָ ״לַעֲשׂוֹת״**.

## כג

ועל דרך זה יתפרש הכתוב אִם תִּקַּח אֲמָרַי וּמִצְוֹתַי תִּצְפֹּן אִתָּךְ, דאף המצות שאי אפשר לקיימן בפועל, ישתוקק במצפון הלב לקיימם, ויעסוק בהלכותיהם

דאָס קען זיין דער פְּשַׁט **בְּנִי אִם תִּקַּח אֲמָרַי וּמִצְוֹתַי תִּצְפֹּן אִתָּךְ**. [ווייל] לכאורה וואָס הייסט תִּקַּח אֲמָרַי, ס׳איז דאָך דאָ אויכעט אַזעלעכע מצות וואָס מ׳קען נישט טון בפועל. נאָר **וּמִצְוֹתַי** ״תִּצְפֹּן״ אִתָּךְ, באַהאַלטן, אין פנימיות הלב, [צו] ׳ווּעלן׳ די מצוה [אפילו] וואָס מ׳קען נאָכנישט מקיים זיין [בפועל], דורך **אִם תִּקַּח אֲמָרַי** [שילמדו הפרשה וההלכה].

דעס וואָס מ׳טוט **בפועל** דאָס זעט מען, דעס זעט מען [דאָך] מיט די **עֵינֵי בָשָׂר** [ואינו צפון בלב]. נאָר ער מיינט, אַז די מצות וואָס מ׳קען נישט טון בפועל, און מ׳האָט **דערויף הִשְׁתּוֹקְקוּת** און **מ׳וואַרט דערויף**[יב], און מ׳איז **עוֹסֵק אין דער הֲלָכָה**[יג], [וואָס] על כל פנים איז דאָך די מַעֲשֶׂה הַמִּצְוֹת נאָר אין **פְּנִימִיּוּת הַלֵּב**, [וואָס] **אֵין לְךָ דָּבָר הַצָּפוּן** [יותר] מִזֶּה, ווי די **גמרא** זאָגט[יד] **אֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה שֶּׁבְּלֵב חֲבֵירוֹ**, דעס ווייסט מען דאָך גאָרנישט. אַזוי ווי ס׳שטייט דאָך[טו] אַז דער **בורא כל עולמים** אַליין איז אויף דעם מֵעִיד.

---

[יב] כאומרו וּמִצְוֹתַי ״תִּצְפֹּן״ אִתָּךְ. [וכהוספת רבינו על דברי האור החיים הק׳].

[יג] כאומרו אִם תִּקַּח ״אֲמָרַי״. [וכדברי האור החיים הק׳].

[יד] **בגמרא פסחים** (נד:): תנו רבנן, שבעה דברים מכוסים מבני אדם. אלו הן, יום המיתה, ויום הנחמה [פירש״י: של כל אדם, מתי יתנחם מדאגתו], ועומק הדין [הרוב טועים בו, אי נמי עומק הדין העתיד], **ואין אדם יודע מה בלבו של חבירו**, ואין אדם יודע במה משתכר, ומלכות בית דוד מתי תחזור, ומלכות חייבת מתי תכלה.

[טו] **ברמב״ם** (תשובה ב, ב): ומה היא התשובה, הוא שיעזוב החוטא חטאו ויסירו ממחשבתו ויגמור בלבו שלא יעשהו עוד וכו׳, וכן יתנחם על שעבר וכו׳, **ויעיד עליו יודע תעלומות שלא ישוב לזה החטא לעולם**.

### כד
### ישוב קושיא ז

וזה שדרשו במדרש, **אתם** 'צוֹפְנִים' לי תורה ומצות בעולם הזה, דהיינו דבמצפוני הלב אתם משתוקקים לקיים המצות, אף אותן שאינם יכולין לקיימן בפועל. ועל זה **אני צופן** לכם שכר טוב לעולם הבא

**איבערדעם זאָגט ער דאָ** [במדרש] **אִם תִּקַּח אֲמָרָי וּמִצְוֹתַי תִּצְפֹּן אִתָּךְ,** [ומפרש המדרש] **אַז דער בורא כל עולמים זאָגט אַתֶּם 'צוֹפְנִים' לִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת, אינעם מַצְפּוּן הַלֵּב טוט עטס אַסאַך תורה ומצות וואָס מ'קען נישט דערגרייכן צו טון.**

**און דער בורא כל עולמים איז דאָך אָבער אַ בּוֹחֵן כְּלָיוֹת וָלֵב, ער ווייסט די מַצְפּוּנֵי הַלֵּב, איז ער דערויף צוֹפֵן דעם שְׂכַר טוֹב** [אויף] **לָעוֹלָם הַבָּא.**

### כה

ועל זה מסיים המדרש: שנאמר מָה רַב 'טוּבְךָ' אֲשֶׁר 'צָפַנְתָּ' לִּירֵאֶיךָ, דקאי על שכר עולם הבא הצפון, עבור היראה והשתוקקות המצות הצפונה בלב

[ומסיים המדרש] **שנאמר מָה רַב 'טוּבְךָ' אֲשֶׁר 'צָפַנְתָּ' לִּירֵאֶיךָ, דער טוֹב אֲמִיתִּי אויף לעולם הבא, וואָס מ'באַקומט הערשט שכר לעולם הבא, אויף דעם אִם 'תִּצְפּוֹן' לִי.**

### כו
### ביאור המשך הפסוק: פָּעַלְתָּ לַחֹסִים בָּךְ נֶגֶד בְּנֵי אָדָם

מבואר ברמב"ם, דעל מצות שבין אדם לחבירו מקבלים שכר גם בעולם הזה

**אָבער** [ביי מִצְוֹת] **בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ איז דאָך נישט פאַרהאַנדן קיין מַחֲשָׁבָה, דאָס איז דאָך מִצְוֹת וואָס מ'דאַרף טון,** [וואָס] **דאָס מוז מען טון בפועל** [כדי שחבירו יקבל הטובה ממנו, דאם לא כן לא שייך המצוה. און] **אויף דעם אַרויף זאָגט דאָך דער רמב"ם אין פירוש המשנה**[טז]**,** [אַז] **אויף מִצְוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ האָט מען שְׂכַר** [אויך] **בעולם הזה, אַזוי זאָגט ער דאָרטן אויף די משנה אין** [מסכת] **פאה**[יז]**.**

### כז

ולזה אמר 'פָּעַלְתָּ' לַחֹסִים בָּךְ נֶגֶד "בְּנֵי אָדָם", דעל קיום מצות שבין אדם לחבירו, דבזה לא סגי מחשבה רק צריך שיעשנה בפועל, על זה מקבלין שכר בפועל גם בעולם הזה

[ולזה ממשיך הכתוב ומסיים] **'פָּעַלְתָּ' לַחֹסִים בָּךְ נֶגֶד "בְּנֵי אָדָם", דעס גיט מען דאָ**

---

[טז] **בפירוש המשניות להרמב"ם** (פאה א, א): מה שאמר (במשנה) **אוכל פירותיהן** [בעולם הזה] **והקרן קיימת לו** [לעולם הבא], מה שאומר לך, כי המצות כולן נחלקין בתחלה על שני חלקים, החלק האחד **במצות המיוחדות לאדם בנפשו, במה שיש בינו ובין הקב"ה**, כגון ציצית ותפילין ושבת ועבודה זרה, והחלק השני **במצות התלויות בתועלת בני אדם קצתם עם קצתם**, כגון אזהרה על הגניבה והאונאה והאיבה והנטירה, וכגון הצווי באהבת איש את חבירו, ושלא יסית אדם להזיק לחבירו, ואל יעמוד על דם רעהו, וכבוד אבות והחכמים שהם אבות.

וכשיעשה האדם **המצות המיוחדות לנפשו, מה שיש בינו ובין בוראו**, תחשב לו לצדקה, ויגמלהו הקב"ה עליה **לעולם הבא**, כמו שנבאר בפרק חלק (סנהדרין פ"י מ"א). וכשיעשה האדם **המצות התלויות בתועלת בני אדם זה עם זה**, כמו כן תחשב לו לצדקה **לעולם הבא**, לפי שעשה המצות, וימצא טובה [גם] **בעולם הזה**, בעבור שנהג מנהג הטוב בין בני אדם. כי כשינהג מנהג הזה וינהגו אחרים כמנהגו, יקבל כמו כן שכר מהענין ההוא. וכל המצות שבין אדם לחבירו נכנסות **בגמילות חסדים** [שחושב שם במשנה], ושים לבך עליהם כי כן תמצאם, שהרי הלל הזקן (שבת לא.) כשאמר לו הנכרי למדני תורה על רגל אחד, אמר לו דעלך בִּיש לחברך לא תעביד. וכשתחקור על הענין הזה תמצא **תלמוד תורה** שקול כנגד הכל [כמבואר שם במשנה], כי בתלמוד תורה יזכה האדם לכל זה, כמו שביארנו בתחלת דברינו (בהקדמה לסדר זרעים) **שהתלמוד מביא לידי מעשה.**

[יז] ועיין עוד קרוב לזה לחלק בין שכר המחשבה שהוא בעולם הבא, לשכר המעשה שהוא בעולם הזה, **בחובת הלבבות** (שער הבטחון פ"ד) וז"ל: כי המעשה הטוב מתחלק לשני חלקים, ממנו **נסתר**, אין משקיף עליו זולת הבורא, כחובות **הלבבות** והדומה להן, וממנו **נראה** על האברים, איננו נסתר מן הברואים, והן המצות הנראות על האברים. והבורא יתברך גומל על המעשה הנראה על האברים בגמול 'נראה' **בעולם הזה**, וגומל על המעשה הצפון והנסתר בגמול 'נסתר', והוא **גמול העולם הבא**. ועל כן זָכְרוֹ דוד ע"ה במלה שמורה על הענין, כמו שאמר מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר 'צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ'. וכן דרך העונש הנראה והנסתר, כדרך הגמול.

'בפועל' [בעולם הזה], דעס זעט מען אָן [דעם שכר] טאַקע דאָ בעולם הזה, נישט אֲשֶׁר 'צָפַנְתָּ' [לעולם הבא][יח].

### כח

אָבער על כל פנים דעס קען זיין [בכוונת המדרש שאמר הקב"ה] אַתֶּם צוֹפְנִים לִי, דאָס קען זיין דער פְּשַׁט [אַתֶּם] 'צוֹפְנִים' לִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת.

### כט

### ישוב קושיא ח

המדרש מביא כל זה על הפסוק וְלֹא נָתַן ה' לָכֶם לֵב לָדַעַת, שנאמר להם בסוף הארבעים שנה

[און] דער מדרש זאָגט עס אויף 'דעם פסוק', דאָ וואו משה רבינו האָט געזאָגט געזאָגט וְלֹא נָתַן ה' לָכֶם לֵב לָדַעַת וְעֵינַיִם לִרְאוֹת עַד הַיּוֹם הַזֶּה, [אַז] דעמאָלטס אין שנת הארבעים, פאַר משה רבינו'ס הסתלקות, זענען זיי הערשט געקומען אויף דער בחינה.

### ל

דאף שהיו דור דיעה, וכל הכלל ישראל באים בזכותם לדורות, מ"מ
עדיין היה חסר להם מהשלימות לפי ערכם, עד סוף הארבעים שנה

[דהנה] לכאורה ס'איז דאָך [געווען] אַ דור דיעה, [שעליהם נאמר] (ירמי' ב, ב) זָכַרְתִּי לָךְ חֶסֶד נְעוּרַיִךְ לֶכְתֵּךְ אַחֲרַי בַּמִּדְבָּר בְּאֶרֶץ לֹא זְרוּעָה.

זָכַרְתִּי לָךְ חֶסֶד נְעוּרַיִךְ, אַזוי ווי די גמרא זאָגט דאָך[יט] אחרים באים בזכותם [הם עצמן לא כל שכן], פון דעם איז דער גאַנצער כְּלָל [זוכה], דער גאַנצער כְּלַל יִשְׂרָאֵל ווערט דאָך מיט דעם [געהאָלפן], דער בורא כל עולמים העלפט זיי [ווייל] ער גערענקט דעם חֶסֶד נְעוּרַיִךְ דעמאָלטס ווען לֶכְתֵּךְ אַחֲרַי בַּמִּדְבָּר.

און אף על פי כן [שטייט אז] ביז דעמאָלטס [איז געווען] לֹא נָתַן לָכֶם לֵב [לָדַעַת וְעֵינַיִם] לִרְאוֹת, [כאָטש] ס'איז דאָך קיינמאָל נישט געווען אַזאַ דוֹר דֵּעָה, און בַּעֲלֵי הַשָּׂגָה. ווייל קיין 'שלימות' איז עס נישט געווען ביז דעמאָלטס, וְלֹא נָתַן ה' לָכֶם לֵב לָדַעַת עַד הַיּוֹם הַזֶּה, זענען זיי הערשט צוגעקומען הערשט דעמאָלטס.

### לא

ומכל מקום כיון שבכל הארבעים שנה, השתוקקו במחשבתם לזכות להשלימות שהגיעו לבסוף, על כן גם כל העבודה והמצות שעשו בכל המ' שנה, נחשב להם כאילו קיימו אותם בשלימות הראוי שהגיעו להם לבסוף

פונדעסטוועגן אָבער, די אַלע מִצְוֹת, די עֲבוֹדָה וואָס זיי האָבן געדינט דעם באַשעפער 'ביז דעמאָלטס', דעס איז שוין גערעכנט געוואָרן אַזוי ווי ס'העט געווען מיט דער זעלבער הַשָּׂגָה וואָס ס'איז געווען דערנאָכדעם, ווען ס'איז שוין געווען לֵב לָדַעַת וְעֵינַיִם לִרְאוֹת וְאָזְנַיִם לִשְׁמֹעַ.

---

[יח] ולדרכינו, תחלת הפסוק מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ, זה מיירי במצות שבין אדם למקום, ובשכר עולם הבא. וסוף הפסוק פָּעַלְתָּ לַחֹסִים בָּךְ נֶגֶד בְּנֵי אָדָם, זה מיירי במצות שבין אדם לחבירו, ובשכר עולם הזה.

ועיין בחינה זו גם **בייטב לב** (חיי שרה, ד"ה עוד ביאור) וז"ל: דאיתא סוף פ"ק דקדושין (מ.) אלו דברים שאדם אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא, כיבוד אב ואם וגמילות חסדים והבאת שלום כו', עיין שם בפירוש רש"י (ד"ה רב אידי). **והן הן דברי הרמב"ם ז"ל בפירוש המשניות ריש פרק קמא דפאה וכו'**, הובא בתוספות יום טוב (ריש פאה). ועל פי זה פירשתי מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר 'צָפַנְתָּ' לִּירֵאֶיךָ לעולם הבא, שהוא ענין בין אדם למקום, פָּעַלְתָּ 'פעולה בעולם הזה' לַחֹסִים בָּךְ, זה על אותן המצוות שהם נֶגֶד בְּנֵי אָדָם, בין איש לרעהו:

[יט] **בגמרא סנהדרין** (קי:): תנו רבנן, דור המדבר אין להם חלק לעוה"ב וכו', דברי רבי עקיבא. רבי אליעזר אומר באין הן לעוה"ב, שנאמר (תהלים נ, ה) אִסְפוּ לִי חֲסִידָי כֹּרְתֵי בְרִיתִי וכו'. אמר רבה בר בר חנה אמר רבי יוחנן, שבקה רבי עקיבא לחסידותיה, שנאמר (ירמי' ב, ב) הָלֹךְ וְקָרָאתָ בְאָזְנֵי יְרוּשָׁלַיִם לֵאמֹר [כֹּה אָמַר ה'] זָכַרְתִּי לָךְ חֶסֶד נְעוּרַיִךְ אַהֲבַת כְּלוּלֹתָיִךְ לֶכְתֵּךְ אַחֲרַי בַּמִּדְבָּר בְּאֶרֶץ לֹא זְרוּעָה, ומה אחרים באים בזכותם, הם עצמן לא כל שכן.

[ווייל] אפילו ווען ס'איז נאָך 'נישט' געווען, ס'איז נישט געווען [פריער דער] לֵב לָדַעַת, אָבער אַ הִשְׁתּוֹקְקוּת [שיזכו לקיום המצות בגודל השגה זו] איז דאָך געווען, אין די מַצְפּוּנַת לֵב, די בחינה פון אַתֶּם צוֹפְנִים לִי. [על כן] לויט די פְּנִימִיּוּת [המחשבה שבלב] רעכנט מען עס שוין פון 'פריער', פון פאָראויס, [כאילו כבר קיימו מאז באופן הנעלה והשלימות].

## לב

ולכן מביא המדרש לכאן, ענין הפסוק וּמִצְוֹתַי "תִּצְפֹּן" אִתָּךְ,
דמיירי ממה שמקיימים המצות במצפון הלב, וכמו שדורש שם במדרש

איבערדעם, דאָס קען זיין, איבערדעם ברענגט דאָס צי דער מדרש אויף דעם פסוק וְלֹא נָתַן ה' לָכֶם לֵב לָדַעַת וְעֵינַיִם לִרְאוֹת, [אז] מ'רעכנט [לויט] אִם תִּקַּח אֲמָרָי וּמִצְוֹתַי "תִּצְפֹּן" אִתָּךְ. פאַרשטייט מען דעם מדרש.

## לג

# ישוב הקושיות בתחלת הפרשה

### ישוב קושיא ג

כוונת הכתוב "וְהָיָה" כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ, דאף שבפועל יהיה זה רק בעתיד, מ"מ גם עתה יכולין לקיימם ע"י עסק התורה וע"י מחשבת הלב והשתוקקותו על קיום המצוה בעתיד, וכמו שמסיים להלן "הַיּוֹם הַזֶּה" ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת

מיט דעם קאָן זיין, דאָס איז [דער] פְּשַׁט [בפסוק] "וְהָיָה" כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ.

אַזוי ווי ער זאָגט ווייטער אויף ביכורים [הַיּוֹם הַזֶּה ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת], "הַיּוֹם הַזֶּה" איז שוין די מִצְוָה.

איבערדעם זאָגט ער [בתחלת הפרשה] וְהָיָה כִּי תָבוֹא, ס'וועט זיין כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ, זאָלסטו וויסן אַז פון היצט אָן ביסטו שוין מקיים די מִצְוָה, מ'איז שוין מקיים די מִצְוָה פון היצט אָן [ע"י מצפון הלב] מיט דעם וואָס ס'וועט זיין שפּעטער [בפועל]. וואָרן מ'הייסט דאָך [שוין היצט], מ'האָט דאָך דאָ געהייסן 'שוין' עוֹסֵק זיין אין דער הֲלָכָה, ווי דער אור החיים הקדוש זאָגט אויף הַיּוֹם הַזֶּה ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ.

## לד

### ישוב קושיא ד-ה

וזהו כוונת הספרי אֵין "וְהָיָה" אלא "מִיַּד", דמה שנאמר והיה, הכוונה לקיימו
מיד במצפון הלב, ע"י הלימוד והשתוקקות על מה "שיהיה" בעתיד

דעס זאָגט דאָ דער ספרי, אֵין "וְהָיָה" אלא "מִיַּד", כאָטש ער זאָגט וְהָיָה [בלשון עתיד] מיינט ער מִיַּד, ווייל אויף דעם אַרויף וואָס ס'וועט זיין [בעתיד], איז מען עס 'אַזוי' מקיים [תיכף ומיד, ע"י מצפון הלב ולימוד ההלכה].

## לה

### ישוב קושיא ו

ובזה יובן המשך הספרי, עֲשֵׂה מצוה זו שבשבילה תכנס לארץ. והקשה
ההפלאה והחתם סופר, דהלא פסוק זה מיירי לאחר שכבר נכנסו לארץ

פאַרשטייט מען מיט דעם [דעס] וואָס דער ספרי זאָגט [ווייטער], עֲשֵׂה מצוה זו שבשבילה תכנס לארץ.

פרעגט דער חתם סופר[כ] די קשיא וואָס דער הפלאה[כא] פלאָגט זיך, וואָס הייסט

---

[כ] בדרשות חתם סופר (דף שמו:). [ולאחרונה (בשנת תשנ"ו) נדפס גם בחתם סופר על התורה (ליקוטים, ריש פרשתן)].

[כא] בפנים יפות (ריש פרשתן): וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ, בספרי עשה מצוה האמורה בענין שבשכרה תכנס אל הארץ. לכאורה אינו מובן. וכהאי לישנא איתא בקידושין (דף לז:) גבי תפילין ופטר חמור, עשה מצוה זו

מ׳זאָל טון די מצוה **שבשבילה תכנס**, די מצוה קאָן מען דאָך הערשט טון [נאָר] לאחר ירושה וישיבה ווען מ׳איז שוין ״דאָרט״ [שכבר נכנסו לארץ], איז [דאָך] נישט שייך צו זאָגן דאָס לשון פון ספרי, תיכנס בשבילה.

**לו**

אבל לדרכינו אתי שפיר, כי תחלת הפסוק מיירי במצות ביכורים שקיימו במדבר ע״י הלימוד וע״י הרצון שבלב, ולזה אמר דאם תקיימו באופן זה, אז בשבילה תזכו ליכנס לארץ ולקיים אותה גם בפועל

נאָר לויט דעם [שביארנו], אַז דאָס איז דער פְּשַׁט [פון] **וְהָיָה**, אֵין **וְהָיָה אלא מִיַּד**, אַז מ׳טוט ׳שוין׳ [בבחינת] **וּמִצְוֹתַי תִּצְפֹּן אִתָּךְ**, איז ׳שוין׳ דער **וַיֵּלְכוּ** ׳**וַיַּעֲשׂוּ**׳.

לויט דעם איז רעכט אַז **עֲשֵׂה מצוה זו שבשבילה תכנס לארץ**, דורך דעם וואָס מ׳לערנט **תּוֹרָה**, און דאָס הייסט שוין ״**מִיַּד**״, מיט דעם וואָס מ׳האָט **מְקַבֵּל** געווען צו מקיים זיין די מצוה, מיטן **לִימּוּד הַתּוֹרָה** און מיטן **רָצוֹן** [נחשב כאילו כבר עשו וקיימו מצוה זו], ממילא [איז] **בשבילה תכנס לארץ**.

**לז**

**ישוב קושיא א-ב**

ולזה אמר אחר כך ״וְלָקַחְתָּ״ עם ו׳ המוסיף, דמתחילה דיבר הכתוב במצות ביכורים שמקיימים במחשבה, ועתה בא לצוות על קיום המצוה במעשה, דלאחר ירושה וישיבה צריך ליקח הביכורים בפועל, כי בזמן שאפשר לקיים בפועל אז לא סגי לקיימו במחשבה לחוד

איבערדעם כאַפּט ער אָן, איבערדעם שטייט [עם ו׳ המוסיף] אַז ״**וְלָקַחְתָּ**״ **מֵרֵאשִׁית**. ווייל דאָס איז אַן עקסטערע זאַך, **וְלָקַחְתָּ** זאָלסט נעמען [בפועל, לאחר שיכנסו לארץ].

׳ביז היצט׳ [בפסוק ראשון] האָט ער דאָך געזאָגט [דעס] וואָס מ׳איז מקיים במחשבה [אף בהיותם במדבר, על דרך] **וּמִצְוֹתַי תִּצְפֹּן אִתָּךְ**, [וכרמוז באומרו ״והיה״ כי תבוא] אֵין **וְהָיָה** אלא מִיַּד, אפילו מ׳איז נאָכנישט געגאַנגען אַהין. [ועתה בפסוק שני] ׳היצט׳ הייבט ער אָן [כשמקיימים בפועל, ווען] מ׳ברענגט עס שוין צום כהן, ס׳איז געקומען דערצו מ׳זאָל **בפועל** [נעמען ביכורים], הייבט זיך אָן אַ נייע זאַך ״**וְלָקַחְתָּ**״, מ׳נעמט עס שוין. דאָס איז אַן עקסטערע זאַך **וְלָקַחְתָּ מֵרֵאשִׁית כָּל פְּרִי הָאֲדָמָה**, ווען ס׳וועט מעגליך זיין בפועל, מוז מען עס טון בפועל.

[ווייל] ׳דעמאָלטס׳ אַז מ׳וועט בלייבן נאָר **במחשבה**, איז נישט גוט. דעמאָלטס ווען מ׳קען עס שוין [מקיים זיין], ווען מ׳קען עס טון בפועל.

**לח**

דער **וּמִצְוֹתַי תִּצְפֹּן אִתָּךְ**, במצפון הלב, דאָס איז נאָר ווען מ׳קען נאָכנישט.

[אַזוי ווי] דער בורא כל עולמים האָט געגעבן דאָרט ביי קרבנות **וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ** (הושע יד, ג), [דכל העוסק בתורת הקרבנות נחשב כאילו הקריבום].

אָבער ווען ס׳איז אָבער **הַמִּזְבֵּחַ בָּנוּי**, אויף דעם וואָס ס׳שטייט מ׳דאַרף ברענגען אַ קרבן, קאָן מען נישט [יוצא זיין] מיט **וּנְשַׁלְּמָה** [פָרִים שְׂפָתֵינוּ], מ׳איז דעמאָלטס מחוייב טאַקע עס צו ברענגען [בפועל].

אָבער ׳אַזוי׳ [כשאין המזבח בנוי], וואָס זאָל מען טון ווען מ׳קען נישט, [איז] **מִצְוֹתַי תִּצְפֹּן אִתָּךְ**, איז מען עס מקיים אַזוי אַרומער .. [ועל זה נאמר] **וְהָיָה** ״**מִיַּד**״.

---

**שבשבילה תכנס לארץ**, [ושם ניחא] שנתחייבו בתפילין ופטר חמור **בַּמִּדְבָּר**, שבזכותם נכנסו לארץ, אבל גבי ״ביכורים״ לא נתחייבו אלא לאחר ירושה וישיבה, לא שייך ״שבשכרה תכנס לארץ״, שהרי כבר נכנסו.

KolSatmar.com

לט

## סיום התורה

וואס זאל מען שוין זאגן אצינד בְּיָמֵינוּ, מ׳האָט נישט דער כֹּחַ, ס׳איז נישטאָ קיין דַעַת. - הַמַּסֹּת הַגְּדוֹלוֹת, הָאוֹתוֹת וְהַמּוֹפְתִים, וְלֹא נָתַן ה׳ לָכֶם לֵב לָדַעַת וְעֵינַיִם לִרְאוֹת וְאָזְנַיִם לִשְׁמֹעַ.

דורך די גרויסע הַסְתָּרָה, די הַסְתָּרַת פָּנִים, אַז [אפילו] **דְבָרִים גְלוּיִים לַכֹּל איז פאַרשטעלט פון די אויגן**[כב], דורכן כֹּחַ הַיֵּצֶר, [שמביא] דער סַמְיוּת עֵינַיִם, וואָס מ׳זעט נישט דעם אֱמֶת.

מ

אפילו פאַרן דוֹר דֵעָה האָט מען געזאָגט **וְלֹא נָתַן ה׳ לָכֶם לֵב לָדַעַת וְעֵינַיִם לִרְאוֹת**, אַזוי ווי אין פָּסוּק שטייט. [כל שכן] בעונינו הרבים וואָס זאָל מען נאָך זאָגן [היינט] אין שִׁפְלוּת הַמַּצָּב, ווען ס׳איז אַ געוואַלדטיגער הַסְתָּרָה.

דעמאָלטס האָט מען געזען אַלעס עַיִן בְּעַיִן[כג], און ׳דאָך׳ האָט מען [נאָך] געברויכט צו זיין אַ בַּעַל הַשָּׂגָה. [ואם כן] וואָס זאָל מען זאָגן היינט אין דעם גרויסן שִׁפְלוּת, ווען מ׳האָט די גרויסע געוואַלדיגע הַסְתָּרָה, הֶסְתֵּר בְּתוֹךְ הֶסְתֵּר, איז מען אַוודאי אין דער בחינה [פון] **וְלֹא נָתַן לָכֶם לֵב לָדַעַת וְעֵינַיִם לִרְאוֹת וְאָזְנַיִם לִשְׁמֹעַ**.

מא

**נאָר וואָס׳זשע דען איז דאָ? אידן זאָלן האָפן צום באַשעפער!**

**וּמִצְוֹתַי תִּצְפֹּן אִתָּךְ. אין מַצְפּוּן הַלֵּב, אין פנימיות, זאָל מען מִשְׁתּוֹקֵק זיין צום בורא כל עולמים אליינס!**

און וואָס מ׳קען [יא טון], **ברויך מען טון** [בפועל]!

און דאָס איבעריגע [מה שאין יכולין בפועל], **דאַרף מען נאָר מִשְׁתּוֹקֵק זיין אין מַצְפּוּן הלב, וּמִצְוֹתַי תִּצְפֹּן אִתָּךְ.**

**דאָס איז די עֵצָה פאַר אונז.**

**דאָס איז דער גאַנצער כֹּחַ,** [דעס] **וואָס מ׳האָפט צום באַשעפער!**

מב

איבערהויפּט קומען דאָך היצט **טאָקע די הייליגע טעג, וואָס מ׳האָף מיר פאַר אַ שְׁנַת יְשׁוּעָה, אַ שְׁנַת גְאוּלָה וִישׁוּעָה.**

אין דעם גרויסן שִׁפְלוּת, [וואָס] **אויף דעם אַליין איז נישטאָ קיין ׳דַעַת׳, אז מ׳זאָל האָבן ׳הַכָנָה׳ טאָקע בֶּאֱמֶת, אויף די הייליגע טעג.**

---

[כב] וז״ל רבינו **בויואל משה** (ב, קכא): והכתוב אומר (שמואל א׳ טז, ז) הָאָדָם יִרְאֶה לַעֵינַיִם וַה׳ יִרְאֶה לַלֵּבָב, שבודאי אי אפשר לשום אדם לידע מה בלב חבירו ומצבו הפנימי, שזהו דבר שאינו נראה לעינים, אבל מה שאפשר לראות בעינים היה רואה האדם. אבל עכשיו בעוה״ר [יש] סמיות עינים בעולם, **ואין רואים ואין מבינים אף דבר הנראה לעינים**. ועל דרך שאמרו במדרש רבה סדר וירא פרשה נ״ג סימן י״ד על הכתוב וַיִּפְקַח אֱלֹקִים אֶת עֵינֶיהָ (וירא כא, יט), אמר רבי בנימין, **הכל בחזקת סומין עד שהקב״ה מאיר את עיניהם**, מן הכא, וַיִּפְקַח אֱלֹקִים אֶת עֵינֶיהָ [וַתֵּרֶא בְּאֵר מָיִם] וַתֵּלֶךְ וַתְּמַלֵּא אֶת הַחֵמֶת. ופירשו המפורשים, מדלא כתיב שנברא באר, אלא שראתה אותו, ועל כרחך שהיה לפניה אלא שלא ראתה אותו, עד שהאיר ה׳ עיניה. וצריך לומר לפי זה, דמה שאמר הכתוב הָאָדָם יִרְאֶה לַעֵינַיִם, גם זה אינו אלא אחר שמאיר הקב״ה את העינים, וגם אז אינו רואה ללבב, ובחשכת העתים בזמן הזה בעוה״ר **הכל בחזקת סומים** ואין רואין כלל מה שלפניהם, אלא שלפעמים ברוב סייעתא דשמיא מאיר השי״ת את העינים לראות מה שאפשר לראות בעיניו, ולאו כל אדם זוכה לזה.

[כג] וכמבואר בפסוק (שלח יד, יד): כִּי אַתָּה ה׳ בְּקֶרֶב הָעָם הַזֶּה אֲשֶׁר **עַיִן בְּעַיִן נִרְאָה אַתָּה ה׳** וַעֲנָנְךָ עֹמֵד עֲלֵהֶם וגו׳.

KolSatmar.com

מג

היצט זעמיר אין דעם חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וואָס אידן האָבן געהאָרעוועט [באלו הימים] – אידן פון די פריערדיגע צייטן, - מיט אַן עֲבוֹדָה חִצוֹנִיוּת [בפועל ובמעשה] און עֲבוֹדָה פְּנִימִיוּת [במחשבה ובמצפון הלב] בֶּאֱמֶת.

מד

אַצינד זעמיר אין שְׁפַל הַמַצָב, [אָבער] מ'וואַרט מיט די גרויסע תְּשׁוּקָה, אויפ'ן גרויסן הִתְעוֹרְרוּת פונעם רָצוֹן הָעֶלְיוֹן, וואָס אידן ברויכן געהאָלפן ווערן, מיט בִּיאַת הַמָשִׁיחַ.

מה

## ברכת הקודש

מ'זאָל מיר שוין זוֹכֶה זיין, מ'זאָל שוין זוֹכֶה זיין שוין צו דערלעבן און צו זען יְשׁוּעָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל, און הִתְגַלוּת כְּבוֹד שָׁמַיִם. מ'זאָל זוכה זיין זיך מְקַדֵשׁ וּמְטַהֵר צו זיין.

ס'זאָל שוין נִשְׁפַּע ווערן די אֱמֶת'דיגע תְּשׁוּקָה[כד].

אויף דעמאָלטס [לעתיד לבא] איז געזאָגט געוואָרן וְעַמֵךְ כֻּלָם צַדִיקִים[כה] (ישעי' ס, כא), דער וואָס וועט זוכה זיין ווען ס'וועט קומען די ישועה. אז מ'וועט דאָס דערלעבן, וועט מען אַודאי זוכה זיין מ'זאָל זיין בִּמְחִיצָתָן שֶׁל צַדִיקִים.

מ'זאָל מיר אַלע די זְכִיָה האָבן 'דערוּוייל' אַז מ'זאָל האָבן הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, מ'זאָל האָבן אֱמֶת'דיגע הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה וואָס זענען מִמַעֲמַקֵי הַלֵב, [על דרך] וּמִצְוֹתֶי תִּצְפֹּן אִתָּךְ.

מ'זאָל די זכיה האָבן אידן זאָלן געהאָלפן ווערן.

ס'קומט טאַקע היצט די הייליגע טעג אין וואָס מ'קומט אריין, זאָל מען זוֹכֶה זיין, זאָל מען זוֹכֶה זיין [צו] די הַשְׁפָּעָה, די הַשְׁפָּעַת קְדוּשָׁה [הנשפע בימים האלו].

מ'זאָל מיר די זכיה האָבן נאָך עפעס מְתַקֵן צו זיין, נאָך ביז דעמאָלטס.

מ'זאָל שוין זוֹכֶה זיין אַריינצוגיין אין אַ שְׁנַת יְשׁוּעָה.

אין די הייליגע טעג, זאָל מען די זְכִיָה האָבן [אז] מ'זאָל זיך אויסבעטן אַ יְשׁוּעָה כְּלָלִית, ברוחניות ובגשמיות.

מ'זאָל טון תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה. - מ'זאָל זוכה זיין לְהִתְרוֹמְמוּת קֶרֶן הַתּוֹרָה וְיִשְׂרָאֵל, און הִתְגַלוּת כְּבוֹד שָׁמַיִם עָלֵינוּ, במהרה בימינו אמן.

---

[כד] כנראה הכוונה בההמשך לשלאחריו, שאנו נשתוקק כעת במצפון הלב אל מעלת ושלימות העבודה שנעבוד את ה' לעתיד לבא, שאז יהיו כולם צדיקים, ועל ידי זה יהא נחשב גם עתה כאילו היתה העבודה בשלימות ההוא, וכדרך שהיה נחשב עבודת דור המדבר בכל המ' שנה כמעלת העבודה שבסוף המ' שנה, על ידי ההשתוקקות במצפון הלב לזה (וכמבואר לעיל באות לא).

[כה] וכמבואר במשנה סנהדרין (צ.): כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא, שנאמר וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים לְעוֹלָם יִירְשׁוּ אָרֶץ נֵצֶר מַטָּעַי מַעֲשֵׂה יָדַי לְהִתְפָּאֵר. [וכוונת הלשון לעוה"ב היינו גם לע"ל בעולם התחיה]. וז"ל הרד"ק (ישעי' ס, כא): וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים. שיצרף אותם הָקֵל, כמ"ש (זכרי' יג, ט) וּצְרַפְתִּים כִּצְרֹף כֶּסֶף, והנשארים יהיו כולם צדיקים וקדושים, כמו שכתוב (ישעי' ד, ג) וְהָיָה הַנִּשְׁאָר בְּצִיּוֹן וְהַנּוֹתָר בִּירוּשָׁלַםִ קָדוֹשׁ יֵאָמֶר לוֹ וגו'. [וכ"ה באברבנאל שם].

ועוד שם (תהלים צב, יד): ואז בימות המשיח יכרתו הרשעים וישארו הצדיקים, כמ"ש (ישעיה ס, כא), וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים וגו', וכולם יהיו עוסקים בחכמה לדעת את ה', כמו שכתוב (שם יא, ט), כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה'.

ועיין עוד בתוספות ישנים (יומא יג. ד"ה הלכה) וז"ל: דלא שייך למיפרך הלכתא למשיחא אלא היכא שיש עבירה בדבר וכו', שהרי זה הדבר אין רגיל להיות [עתה כלל], שאינו צריך עד ימות המשיח, וגם אז לא יהיה הדבר, "שיהיו כולם צדיקים".

KolSatmar.com

# תמרים הניעו ראש על צדיק כתמר

ביחד עם כל בית ישראל, ובפרט המקושרים בהאי צדיק כתמר מרן רביה"ק זי"ע, אנו מבכים מרה את פטירתו של האי גאון וצדיק, מרא דכולא שמעתא, התנהג בקדושה ובפרישות, ביראת שמים ובמדות טובות, ענותן ושפל ברך, צדיק מושל ביראת אלקים, חסידא ופרישא, מורה ודאין, גבור כארי לעשות רצון אבינו שבשמים, לא חת מפני כל ועמד על משמרתו כאיתן חלמיש שלא יפרצו שום פרץ בחומת ישראל ובפרט בעניני אמונה וקדושה ובצניעות ובחינוך, שלא יבואו זרים ויחללוה, גדול בחכמה ובמעשים, כל ימיו לא נח ולא שקט מלהרבות כבוד שמים בעולם.

ממובחרי תלמידי רביה"ק זי"ע וממעתיקי שמועתו, ובשליחותו עמד לשרת בעיר מאנטריאל יצ"ו, והעמיד תלמידים לאלפים בישיבתו תורת משה, אשר בכל מקום בואם ניכר עליהם רושם היראת שמים שקיבלו מרבם הגדול שהכנים בלבם אהבת ה' ויראת ה', ובמיוחד הכנים בקרבם אש קודש בקשר אמיץ אל מרן רביה"ק זי"ע, ללמוד תורתו ולילך בדרכו בכל הענינים, ועיניו היו פקוחות בכל העולם להמשיך דרכו של רביה"ק זי"ע ובפרט לתושבי ארה"ק שהיה תמיד מוכן ומזומן לעמוד לימינם עמוד צלותהון ואוהבן של ישראל, עושה חסד לאלפים, אביהם של יתומים ושבורי לב, שבחו מי ימלל

## הגה"צ רבי **משה מנחם טירנויער** זצוק"ל הכ"מ

## בן הרה"ח רבי משה מנחם ז"ל (ווייס)

### דומ"ץ קהל יטב לב דסאטמאר מאנטריאל וריש מתיבתא תורת משה

### יצאה נשמתו בטהרה ביום י"ד אלול תשפ"א לפ"ק

הוא הגבר הוקם עָל, אשר בעסקו כל ימיו בהעמדת הדת על תילה, ובחינוך אלפי תלמידים לתורה ויראת שמים, ובהשרשת והמשכת דרך האמת אשר קיבל מרביה"ק זי"ע בלבות התלמידים ושומעי לקחו, ראה והבין התועלת הגדול והצלת הדור שיש בהוצאת אלו הקונטרסים "לשון קדשו", ובכן פקד עלינו לגשת אל העבודה ולעסוק בקדשים להוציא לאור לפרש ולבאר ולהפיץ דבריו הקדושים שיבואו רבים ויהנו מאור תורתו של רביה"ק זי"ע, וגם עבר בעצמו על הקונטרסים, והרבה פעמים האיר לנו עינים להבין דברי רבינו, וכל הזמן עמד ואמר לנו גַדֵל, ודרש מאתנו שלא להתרשל מעבודה הקשה שבמקדש, וכל דבר הגדול והקטן נעשו על פי הוראתו, ובכל פעם היה צמא לשמוע מאתנו מהנעשה והנשמע, ובעת שיכלנו לבשר אותו מאיזה הצלחה וכדומה היה שמח בצהלת ומאור פניו.

גם השתתף בעצמו בסכומים נכבדים אף שלא עלה לו בנקל. וגם בתחלת שנה זו תשפ"א בימים הנוראים כששאלנו דעתו איך להתנהג באיזה ענין שעמד על הפרק, שאל אותנו אח"כ באיזה תורה עוסקים כעת, והשבנו שאנו עורכים הדרשה מהושענא רבה תשי"ג, ואמר שרוצה לחזק אותנו שלא נתרשל בעבודת הקודש, ורוצה שגם לו יהיה הזכות לקחת חלק בזה, ונדב סכום הגון. וגם בפרשת ואתחנן שנה זו בשבוע האחרונה לפני שנפל למשכב בעוה"ר, עוד השתתף לעילוי נשמת אמו ע"ה.

אשרינו מה טוב חלקינו שזכינו למצוא חן בעיני אותו צדיק וליהנות מאורו, אבל כעת עיני עיני יורדה מים, לן יאות למבכי כי רחוק ממנו מנח"ם משיב נפשינו, ומש"ה עלה אל האלקים. הוי מי יורה לנו דעה ומי יבין שמועה, וקשה עלינו פרידתו של אותו גאון וצדיק.

אבל זאת תנחומינו, כי כח זכותו ותפילותיו, ורובי הדרכותיו, יעמוד לנו שנוכל להמשיך הלאה ביתר שאת בסייעתא דשמיא, וגדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם, עדי נזכה לביאת משיח צדקינו, ויקוצו וירננו שוכני עפר במהרה בימינו אמן.

הכותבים בדמע

**מערכת לשון קדשו**

KolSatmar.com

RABBI M. M. TYRNAUER
5770 Durocher Ave.
Montreal Que. H2V 3Y2
(514) 279-6664

ב"ה

משה מנחם טירנויער
דומ"ץ דק"ק יטב לב דסאטמאר
ור"מ ישיבת תורת משה דרב"י
מאנטריאל יצ"ו

הנה כבר נודע בשערים מעשה ידי אומן מופלא ה"ה ידידינו הרה"ח ר' יודא לייב וויינשטאק נ"י, אשר זיכוהו מן השמים לזכות את הרבים בהפצת דברות קודש ממרן הגה"ק בעל ויואל משה זצוק"ל זי"ע ועכ"י.

ואין לשער גודל הזכות בזה שיתעוררו רבים להדבק באמונה טהורה, בזמן שבעו"ה החשך יכסה ארץ בדעות כוזבות ונפסדות, וצריך להנצל מפגעי והבלי הזמן אשר בעו"ה רבים שתו כוס התרעלה. ואם רוצים לילך בדרך הישר כמסורת אבותינו הקדושים, ולחנך צאצאינו בדרך הזה, צריך לזה חיזוק רב.

ואין ספק שהלומד ומתבונן בדברי קדשו שנאמרו מתוך עומק לבבו הטהור, יתעורר לתשובה ולהתחזק בדרך התורה האמיתית, ולהוריש אותו לבנינו אחרינו. על כן ודאי דבר גדול עשה בזה ידידינו הנ"ל, וזכות זה שייך לו ואין להעתיקו כי אם ברשותו.

ויעזור הש"י שיתעוררו רבים על ידי זה ויתרבה הדעת בישראל. וידועים דברי קדשו שאמר (כס"ג במדבר תשי"ז) שדיבור של צדיק אמיתי הוא חי וקים. והוא חוב גדול על כל אחד ללמוד ולהתעמק בדבריו הקדושים.

ובזכות זה יעזור הש"י שנזכה לילך בדרכיו הקדושים, ולהעמיד זרע ברך ד' שנוכל בעזה"י בקרוב לקבל בהם פני משיח צדקינו מתוך שמחה ונחת.

כ"ד החותם באהבה, יום ד' לסדר ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש שנת תשע"ט לפ"ק

**הק' משה מנחם טירנויער**

KolSatmar.com